נאר דו, מיין בעשאפפער
דו גרויססער, דו שטארקער,
אללמאכטיגער גאטט!

נאר דו ביסט מיר איינער
געבליעבען אין לעבען
בעהיטעט אונ בעשיטץ מיך
פון שאנד אונ פון שפאטט.

פון עביג ביז עביג
מיין שילד אונ מיין זעגעל,
דו שטארקער, דו גרויסער
אללמאכטיגער גאטט!......"

* * *

הייסס אונ ערנסט איז ישראליק'ס תפלה... פון דעם טיעפען הערצען רייססען זיך ארויס די ווארטער; אין אללע אברים זיינע גליהעט א גרויססער, הייליגעס פייער פון ליעבע צו גאטט אונ פון האפפנונג אויף זיין הייליגען נאמען... נאר אבער...

אך, ישראלי'ק, ישראלי'ק! מען האט אבגעדאווענט נעילה אונ מעריב... מען האט זיך מיט גאטט'ס הילף אבגעפאסט אונ אבגערוהעט; הושענא־רבה, שמיני־עצרת, שמחת־תורה, זענען זיך אזעק געגאנגען איינער נאך דעם אנדערען, אונ איצט... איצט...

נאר—גענוג! איך וועל ניט רעדען פון דעם וי אזוי דו וועהסט אויס איצט אונ וי דו וועסט אויסזעהען די גאנצע צייט ביז איבער א יאהר ערב יום־כפור... ליעב ביסט דו מיר געווען אט אזוי וי איך האב דיך געזעהען איבערגעדעקקט מיט דעם טלית אונ איינגעבויגען איבער דעם מחזור... היין־ושע, ישראלי'ק, וויין! שריי צו דעם בורא! ושאלעדע ניט קיינע כחות, שריי, וויין, בעטט איהם רחמים... אפשר... אפשר וועט ער זיך שוין מאכי דערבארעמען אויף דיך, אויף דיין קראנקען, אלטען, עלענדען קאפף...

ש. פרוג.

Издатель И. С. Леви. Редакторъ д-ръ Л. О. Канторъ. Herausgeber I. Levi. Redacteur Dr. L. Cantor.

ЭЛЛЕГІЯ НА СМЕРТЬ
**Л. О. Леванды.**

Для фортепіано съ primo для пѣнія и скрипки съ текстомъ на жаргонѣ и переводомъ на русскій языкъ, съ портретомъ покойнаго. Цѣна 50 коп.; съ пересылкою 60 коп.

Также вышло изъ печати 2-е изданіе „Десять Еврейскихъ народныхъ пѣсенъ", цѣна 25 коп.; съ пересылкою 30 коп.; а также Ноты для этихъ пѣсенъ для пѣнія и скрипки съ аккомпаниментомъ на фортепіано, цѣна 1 руб.; съ пересылкою 1 руб. 15 коп.

Выписывать у автора: Элiокумъ Цунзеръ. Губ. гор. Минскъ, или же у М. А. Цукермана, Москва Старая площадь, д. Мичинера, кв. 35.

IN DER
PENSIONS-ANSTALT
**von M. J. LÖWENTHAL**
**FRANKFURT A. M. MAINSTRASSE 8,**

erhalten Knaben streng religiöse Erziehung, best mögliche körperliche und geistige Pflege, gewissenhafte Aufsicht. Preise mässige. Referenzen: die Herren **A. S. Grünberg** u. **Salli Halpern** in *Odessa*, **Max Meyersohn** und **L. Broido** in *Warschau*. **D. K. Halpern** in *Kowno*, **L. Papierny** in *Minsk*.

№ 90—5—2

די אדרעססע פון דער רעדאקציע:

Въ редакцію газеты „Еврейскій Народный Листокъ", въ С.-Петербургѣ, Большая Подъяческая № 35.

An die Redaction der Zeitung „Jüdisches Volksblatt," in S.-Petersburg, Grosse Podiatziskaja, Haus № 35.

Дозв. ценз. С.-Петербургъ 19-го Сентября 1888 г. Типографія И. С. Леви и К°., Больш. Подъяч. д., 35.

**Прибавленіе къ „Еврейскому Народному Листку" № 39**

# ביילאגע צום יודישען פאלקס־בלאטט.

27 Сентября (9 Окт.) 1888 г. № 39. דיענסטאג, ד' חשון תרמ"ט.

אינהאלטס פערצייכניסס:

דריי דורות. פון מ. ק—ש—וו.
עולם הפוך. פון נחבי בן ופסי.
דער יודישער דלות. אין די בעסטע ווערקע פון אונזערע פאלקס־שריפטשטעללער. פון שלום עליכם.
מודעות.

## דריי דורות.

בעארבייטעט פון דעם ראמאן „אליה מאקאוועד" פון עליזא אָרזשעשקא *).

דער לאקאמאטיוו פון דעם אויסלאנדישען צוג האט געפייפט אונ געסווישטשעט, צוגעהענדיג צו'ם באהנהאף. אין איינעם פון די גרויססע, [illegible] בעפוצטע, זאאלען פון וואגגזאל האט ארום געשפאצירט, הין אונ צוריקק, אונזער בעקאנטער העור גאָטטליעב, אָרער ווי ער האט געהייסען אויף פראסט יודיש, אברהם'קע מאקאווער, די האנד אין די קעשעניעס מיט א פאפיראס אין די צאהן. ער איז געווען גאנץ רייך געקליידעט, אין א שאנעם לאנגען פאלטא, גענאהט נאך דער לעצטען מאדע אונ אויפ'ן קאפף האט ער נאך אלץ געטראגען זיין היטעלע מיט די זילבערנע גאלונען.

אויפ'ן וואגזאל איז געווארען טומעלדיג, די פאססאזשירען זענען הערוים פון די וואגגאנען אונ האבען זיך צונויפגעפרעססט אין גרויסען זאאל, וואו אונזער גאטטליעב איז נאך אלץ ארום געגאנגען הין אונ צוריקק, בעטראכטענדיג די נייע, אונבעקאנטע מענשען; איבערהויפט די אונבעקאנטע יונגע דאמען. מיט א מאל האט ער דערהארט א בעקאנטע שטיממע, ווי איינער רופט איהם מיט זיין נאמען אונ גריססט איהם אזוי פריינדליך. ער האט זיך אומגעקעהרט אונ האט דערזעהען קלעמענס שיללא'ן מיט א סאק־רע־וואיאזש אין דער האנד, וועלכער איז צו איהם מעהר

צוגעלאפען אלס צוגעגאנגען אונ האט מיט א בעזונדערער פראהליכקייט אויסגעשריען:

— גוטען אבענד, גאטטליעב'ציק!

— גוטען [illegible], גוטען אבענד, האט זיך צולא[illegible] אברהם'קע.

[illegible], פאן קלעמענס? ווי געהט עס [illegible] מיטרער אברהם'קע— אין [illegible] אביססעל פראהליכער אלס ביי אונז... דארט מוז מאקי זיין וואס צו זעהען... האסטו דארט חאטש גוטע געשאפטען געמאכט פאר [illegible] ווי פיעל מאל, ווי פיעל מאל האב איך אלס ביי זיך געטראכט: ווי גליקליך איך וואלט זיך געשאצט, אז איך וואלט געווען אויף דיין ארט...

— געוועהנליך... — האט עפעס אונטער דער נאז געאנטווערט קלעמענס—דארט איז מאקי נאר א'נ־אנ־דער וועלט, א גרויססע וועלט, א שאנע וועלט. געלד וואלגערט זיך פשוט אין די גאססען, נאר נעהם, פאהר ארום אונ שמייד געלד... אונ ווער עס קאן שאפפט מאקי ראנדלעך הויפענס־ווייז...

— יא, דיר איז גרינג צו זאגען: ארומפאהרען אונ שמידען געלד—האט זיך אברהם'קע אבגערופען מיט א'נ־אומטיטהיגען קיל—נו, פרוב אויף ציקאווסץ ארומ־פאהרען, אז מען מוז זיטצען אויף איין ארט ווי א צוגעקאוועטערן. איך וואלט מאקי געווען א גרויססער בעלן צו זעהען, וואס פאר א בריה דו וואללסט געווען אויף מיין ארט, ווי וואלסט דו זיך ארויסגעריססען, אז די האנד אונ די פיסס וואלטען ביי דיר געווען פערבונדען, חאטש, כדומה, ווי ביי מיר, אז איך קאן זיך פשוט פון ארט ניט ריהרען...

— ווער־ווער, נאר אויב דו רעכענסט זיך צוגע־בונדען אונ פערקאוועטען אין קעטטען, ביסטו אין דעם, ווי מיר מוחל, אלליין שולדיג. וויל נאר ווי עס דארף צו זיין, וועסטו זעהען, וואס פיר א פרייער פאגעל דו וועסט ווערען...

אברהם'קע האט געוואללט עפעס אנטווערען אונ אויפגעוויזען מיט אותות ומופתים, אז ער האט נאך

*) זעהע ביילאגע נומ' 31.

Прибавленіе къ „Еврейскому Народному Листку“ № 40

# ביילאגע צו'ם יודישען פאלקס-בלאטט.

4 Октября (16) 1888 г. № 40. דיענסטאג, י"א חשון תרמ"ט.

אינהאלטס פערצייכניסס :

דריי דורות. פון מ. ק.—ש—וו.
עולם הפוך. פון נחבי בן ופסי המכונה גח"ל.
דער יודישער דלות. אין די בעסטע ווערקע פון אונזער פאלקס-שריפטשטעללער. פון שלום עליכם.
אויף די חורבות. פון גינוה: פון וכש"ל.
דער אינסטינקט פון די חיות. פון ג. ד. האפמאן.
שיר: דער הימעל שפאלט זיך. פון ש. פרוג.
מודעות.

## דריי דורות.

בעארבייטעט פון דעם ראמאן „אליה מאקאווער“

פון עליזא אָרזשעשקאָ *).

אויף מארגען, אז דער אלטער ווינער מיט דעם ווילבערנעם ציפערבלאט ביי אליה מאקאווער אין שאנק-הויז האט געשלאגען צוועלף, זענען אריינגעגאנגען בידע יונגע לייט, אברהם'קע מיט קלעמענס'ן; חיה, אליה'ס ווייב, די גאנצע פיהרערקע פון דער שטוב-פרנסה, א גרויססע עקרת-הבית, איז געזעססען נעבען בופפעט, וואו עס זענען געווען אנגעשטעללט פערשידענע פלאשער, גרויססע און קליינע, מיט פערשידענע האלזלעך, קורצע און לאנגע, מיט אללערליי משקאות און עטליכע צעהנדליג טעללער מיט פערבייסענס, טאקי אלץ וואס א מויל קאנן נור אויסרעהען. חיה האט דערזעהען איהר אברהם'קען, איהר גאנצען נחת, און זי איז מיט א מאל לעבענדיגער געווארען; אויף איהר געזיכט האט זיך בעוויזען א פראהליכע מינע; זי האט איהם שוין עטליכע טאג ניט געזעהען און זי האט זיך איצט אביססעל אויפגעהעבען פון איהר ארט, נאר אברהם'קע האט איהר געגריססט מיט א האלבען מויל, עפעס גאר ניט וויללענדיג, און איז אריין מיט זיין אלטען פריינד אין גרויססען זאאל, וואו עס זענען געשטאנען אלטע פארצייטיגע שפיגלען, פריססישע קאנאפעס מיט גאנץ וויכע שטולען; די פענסטער זענען געווען פערהאנגען מיט שאנע גארדינען, און ליוסטרעס מיט האנגליינטער אין געווען פללרוב, טאקי אביססעל צופיעל; דא איז אויך געשטאנען א'ן-אייזערנער שראנק, וואו אליה מאקאווער האט, אונטער צעהען שלאססער, געהאלטען זיינע מזומנים און די נאטהיגע פאפירען און דעם ווינקעל האבען די דארטיגע פריצים גערופען מיט'ן נאמען פרוד, וויל דא, נעבען שראנק, ביי א קליינעם טישעל, פלעגט ר' אליה אבמאכען זיינע אללע געשאפטען מיט די ארומיגע אדונים און פלעגט פון זיי שינדען די הויט, ניט ארגער ווי קלמן דער קצב שינדט אב א קאלבעל. מיט דעם ווינקעל זענען גוט געווען בעקאנט ווי יודען, ווי פריצים, און ניט איינער פלעגט טרויריג ווערען, דערמאהנענדיג זיך אן ר' אליה מאקאווער מיט זיין אייזערנעם שראנק.

— דו ביסט היינט פערנומען? דער אנגענט האט דיר היינט אויך אויפגעגעבען וואס' צו טהון? — האט א פראג געטהון אברהם'קע, צוגעהענדיג צו'ם קיילעכדיגען טיש.

קלעמענס שיללא איז היינט געווען גאר ניט אזוי אויפגערייטמט ווי נאכטען; אויף זיין געזיכט איז קענטיג געווען, אז ער איז עפעס היינט צוטראגען און זעהר אונמוטהיג.

— חאפט איהם דער טייוועל, דעם פערפלוכטען אגענט, מיט אללע זיינע געשאפטען, ער מאג ליגען צעהן קלאפטער אין ד'ערד מיט'ן קאפף אראב! — האט קלעמענס אויסגעשריען מיט גרויסס כעס — שטעלל זיך נאר פאר, וואס פאר א סחורה ער איז! דו וואלסט נאר זעהען מיט וואס פאר א חוצפה, מיט וואס פאר א העזה ער האט מיך נאכטען בעגעגנעט, בעת איך בין צו איהם געקוממען, אזוי ווי איך וואלט געווען עפעס א הונד, וואס לויפט ארום איבער די גאססען. ער האט מיך אזוי צוגענוממען, אז איך האב מיר פשוט קיין ארט ניט געקאנט געפינען און האט מיר געזאגט מיט זיין דינן-קול'כעלע, ימח-שמו זאלל ער ווערען, אז איך זאלל מעהר צו איהם ניט קוממען, פאר מיר

*) זעהע ביילאגע נומ' 39.





אט אזוי, האב איך, זאגען די ליעבהאבערס פון „האבכט אינטערעסאנטע ראמאנען“. איך האב, איך ווייסס, איך פיהל, אז אט אזוי דארפען זאגען איניגע געוויססע לעזער, און איך פאלל ביי מיר דאמיט גאר ניט אראב; נאך ווינציגער פאללט ביי זיך אראב „דער טאלאנטפאללער פערפאססער פונם דאזיגען, קליינעם מעשה'לע“, דער אונשטערבליכער זשארגאנישער שריפטשטעללער, דער פאטער פון אללע זשארגאניסטען, אונזער איינציגער אבראמאוויטש.

Издатель И. С. Леви. Редакторъ д-ръ Л. О. Канторъ. Herausgeber I. Levi. Redacteur Dr. L. Cantor.

ЭЛЛЕГІЯ НА СМЕРТЬ

**Л. О. Леванды.**

Для фортепіано съ primo для пѣнія и скрипки съ текстомъ на жаргонѣ и переводомъ на русскій языкъ, съ портретомъ покойнаго. Цѣна 50 коп.; съ пересылкою 60 коп.

Также вышло изъ печати 2-е изданіе „Десять Еврейскихъ народныхъ пѣсенъ“, цѣна 25 коп.; съ пересылкою 30 коп.; а также Ноты для этихъ пѣсенъ для пѣнія и скрипки съ аккомпаниментомъ на фортепіано, цѣна 1 руб.; съ пересылкою 1 руб. 15 коп.

Выписать у автора: Элiокумъ Цунзеръ. Губ. гор. Минскъ, или же у М. А. Цукермана, Москва Старая площадь, д. Мичинера, кв. 35.

אין דער רעדאקציע פונם „יודישעס פאלקסבלאטט“ געפינט זיך צו פערקויפען א נייער בוך:

„(ЕВРЕИ—ЗЕМЛЕДѢЛЬЦЫ)“

א בעשרייבונג פון דער יודישען קאלאניזאציאן אין רוסלאנד פון **1807** ביז **1887**, לויט אפפיציעללע דאקו ענטען,

פון **וו. נ. ניקיטין.**

פרייז—4 רו"כ, מיט פאסט פארטא.

IN DER
PENSIONS-ANSTALT

**von M. J. LÖWENTHAL**

**FRANKFURT A. M MAINSTRASSE 8,**

erhalten Knaben streng religiöse Erziehung, best mögliche körperliche und geistige Pflege, gewissenhafte Aufsicht. Preise mässige. Referenzen: die Herren **A. S. Grünberg** u. **Salli Halpern** in *Odessa*, **Max Meyersohn** und **L. Broido** in *Warschau*, **D. K. Halpern** in *Kowno*, **L. Paperny** in *Minsk*.

№ 90—5—3.

## טהעע קאמיסיאנער.

זייט 20 יאהרע בעשאפטיגע איך מיך הייער מיט טהעע-איינקויפע פיר רוסלאנד; איך בין אין דיעזעם ארטיקעל ספעציאליסט אין יעדער בעציעהונג. איך ביטטע די געעהרטען טהעע-האנדלער מיך מיט זייערע אויפטראגע בעעהרען צו וואללען. פיר פינקטליכע און רעעללע בעדיענונג ווירד דער הערויסגעבער דיעזער צייטונג גאראנטירען. איך נעהמע אויך אנדערע ארטיקלען צום איינקויף אונד פערקויף אן.

מיינע אדרעססע:

A. G. Abramsohn, Königsberg. in Pr.

די אדרעססע פון דער רעדאקציע:

Въ редакцію газеты „Еврейскій Народный Листокъ“, въ С.-Петербургѣ, Большая Подъяческая № 35.

An die Redaction der Zeitung „Jüdisches Volksblatt,“ in S.-Petersburg, Grosse Podiatziskaja, Haus № 35.

Дозв. ценз. С.-Петербургъ 26-го Сентября 1888 г. Типографія И. С. Леви и Ко., Больш. Подъяч.д., 35.

Прибавленіе къ „Еврейскому Народному Листку“ № 42

# ביילאגע צו׳ם יודישען פאלקס־בלאטט.

18 (30) Октября 1888 г. № 42. דיענסטאג, כ״ה חשון תרמ״ט.

אינהאלטס פערצייכניס:

דריי דורות. פון מ. ק.—ש—וו.
עולם הסוף. פון נחבי בן ופסי המכונה גח״ל.
דער יודישער דלות. אין די בעסטע ווערקע פון אונזער פאלקס־שריפטשטעללער. פון שלום עליכם.
דער סאדאגארער רבי פון כלב בן יפונה.
אויף די חורבות פון ניגוה (ביי דער טייך חדקל) פון יבש״ל.
ידיעות.

## דריי דורות.

בעארבייטעט פון דעם ראמאן „אליה מאקאווער“

פון עליזא ארזשעשקא*).

אין דעמועלבען טאג, גאנץ שפאט אין דער נאכט, זענען געשווינד געגאנגען איבער׳ן גאסס צוויי יונגע לייט. די קאפף אראבגעלאזען, און האבען זיך, צווישען זיך, געשושקעט אזוי שטילל, גלייך ווי זיי וואלטען מורא געהאט, אז עס זאלל ווער ניט דערהארען וואס זיי רעדען. אין אללע הייזער זענען די לאדענס שוין געווען צוגעמאכט, די קראמען זענען געווען פערשפארט און, וואו ניט וואו, האט נאך גע־ברענגט אונטוטהיג און חושכ׳דיג די לעצטע לאנטערן; אויף די גאססען איז געווען שטילל, זיי זענען געווען אזוי פוסט, אז מען האט קיין לעבענדי־גען מענשען ניט געזעהען, נאר אט האט זיך בע־וויזען איין דראזשקע, נאך איהר די צווייטע, די דריטטע — דער עולם האט אנגעהויבען צו פאהרען צו׳ם וואגגזאל; אין א שעה ארום דארף אבגעהען דער אויסלאנדישע צוג.

— דו ביסט בטוח, אז ער וועט ערשט מארגען קוממען און ניט היינט? — האט זיך אבגערופען איינער פון די יונגע לייט.

— מאגסט זיין זיכער, אז ער וועט קוממען, וועט ער מיך שוין גיט געפינען — אפילו א סימן ניט.

— וואס הייסט ער וועט דיך ניט געפינען? און זיך וועט ער א פנים געפינען? פון אונז בידען וועט דאך א וואגיע ניט בלייבען.

— פערשטעהט זיך פון אונז בידען — האט גע־אנטווארט דער ערשטער — א הויכער יונגער מאנן — מיר פאהרען דאך צוזאממען.

— ווי־זשע אנדערש? דו דארפסט דאך אללין פער־שטעהען, אז אהן מיר וואלסטו דא נאך ניט ארויס־געקראכען. וועניג האב איך געהארעוועט, וועניג האב איך קריעה געריססען און טאקי וועניג האב איך דיר געהאלפען? איך בין, דאכט זיך, ניט איין מאל גע־קראכען מיט א געזונדעם קאפף אין א קראנקעס בעטט אריין. נאר יעצט בין איך רוהיג, איך בין זיכער, אז אהן מיר וועסטו גאר נישט ניט מאכען, איך האב שוין — מען קאן אנדערש ניט זאגען — שאנע בעקאנטשאפט, און איך ווייס א וועלט א ביססעל מעהר און בעססער פון דיר — אמת, דו האסט געלד, אבער מיינע וועלט־קענטניס איז אויך ווערטה געלד . . .

ש...א! — האט א מאך געטהון דער הויכער יונגער מאנן, אבשטעללענדיג זיך געבען א האלצערנעם הויז מיט א גלאזערנער טהיר, וואו עס איז געווען אנ־געשריעבען מיט גרויססע רויטהע אותיות, אז דא פער־קויפט זיך בראנפען, וויין און נאך אנדערע משקאות. דורך דער טהיר האט מען ניט געקאנט בעמערקען, אויב עס איז דא פייער אין הויז, ווייל די לאדענס זענען געווען צוגעמאכט טאקי גאנץ פעסט.

— נו, — האט זיך אבגערופען איינער פון די יונגע לייט — דו ערווארט מיך דא אויפ׳ן גאסס, די קאנסט שפאצירען הין און צוריקק, אזוי ווי נים דיך מיינט מען גאר, און אויב דו וועסט דער־זעהען, אז איינער וועט צופאהרען אדער צוגעהען, וואלסטו מיר גלייך, טאקי הוס״י, אנקלאפען אין פענסטער, אט אין דעם דריטטען פון טהויער, איך וועל זיין דארט . . .

— איך פערשטעה, . . . דאס פענסטער וואס אין

*) זעהע ביילאגע נומר 40



## בית ישראל.

מ״ע חדשי בוין. בו יבואו א) מאמרים בשאלות הזמן, השקפה חדשית, ידיעות ובשורות מקהילות ישראל, שאלות החיים, ספורים ושיחות. ב): מאמרי מדע, כתבי יד עתיקים, אבני בנין או מאמרים קטנים והערות, הרשות בעולם הספרות ובקורות, מלבד זאת הוספה בשפת אשכנז. מ״ע „בית ישראל“, אשר דרך „השחר“ בחר לו, ילחם בשיטת ההתבוללות, רוח לאומי טהור תמיד תפעמנו ולא ישא פני איש, אך את האמת ידבר בעתה. — חוברת א׳ כבר באה בגבול רוססיא, ועתה הנה יצא יצאה גם חוברת ב׳ „דער פאמיליענטיש“ ההוספה האשכנזית אחריה. —

מחירו לשנה עם ההוספה ששה רו״כ, שלשה לחצי.

בלא ההוספה ארבעה רו״כ, שנים לחצי.

סוכנים ומו״ס יקבלו פ״ט.

המו״ל י. קאפעלאוויץ.

האדרעססא של הרדקציון.

Въ Австрію.

Wien II. Miesbachgasse № 5.

IN DER
PENSIONS-ANSTALT
von M. J. LÖWENTHAL
FRANKFURT A. M. MAINSTRASSE 8,
erhalten Knaben streng religiöse Erziehung, best mögliche körperliche und geistige Pflege, gewissenhafte Aufsicht. Preise mässige. Referenzen: die Herren A. S. Grünberg u. Salli Halpern in *Odessa*, Max Meyersohn und L. Broido in *Warschau*, D. K. Halpern in *Kowno*, L. Papierny in *Minsk*. № 90—5—5.

אין דער רעדאקציע פונם „יודישעס פאלקסבלאטט“ געפינט זיך צו פערקויפען א נייער בוך:
„(ЕВРЕИ—ЗЕМЛЕДѢЛЬЦЫ)“
א בעשרייבונג פון דער יודישען קאלאניזאציאן אין רוסלאנד פון 1807 ביז 1887, לויט אפפי־ציעללע דאקומענטען,
פון וו. נ. ניקיטין.
פרייז—4 רו״כ, מיט פאסט פארטא.

איין ציערונג אין א יודישעס הויז!!!

איין פראכטפאללעס גראסארטיגעס על־ביל ד פון הרב הגדול דון יצחק אברבנאל ז״ל, דעם געוועזענעם מיניסטער פון איספאניען. געארבייטעט אין 18 פארבען־עהל, 11×8 ווערשאק.
פרייז נור 1 רו״כ; פיר 10 שטיק 7. 50 רו״כ.
ראמען דאצו פאן 75 קאפ ביז 6 רו״כ פער שטיק.

איין אויסגעצייכנעטעס גראססעס זאלאן־בילד פאטאגראווירא:
„הר־ציון“.
12—16 ווערשאק, אויף פראכט פאללעס קריסטאלל־פאפיער, פרייז 1 רו״כ; פיר 10 שטיק נור 7. 50 רו״כ.
ראמען דאצו פאן 1. 50 רו״כ ביז 10 רו״כ פער שטיק. —

ווידער פערקויפער בעקאממען איין גוטטען ראבאט.
אדרעססע דעם הערויסגעבערס:
М. А. Цукерману, Москва, Старая площадь, д. Мичинера, кв. 35.

אויך צו בעקאממען די בילדער דורך די רעדאקציאן פאן דעם „יודישען פאלקס-בלאטט“. —

## די אדרעססע פון דער רעדאקציע:

Въ едакцію „газеты Еврейскій Народный Листокъ“, въ С.-Петербургѣ, Большая Подъяческая № 35.

An die Redaction der Zeitung „Jüdisches Volksblatt,“ in S.-Petersburg, Grosse Podiatziskaja, Haus № 35.

Дозв. ценз. С.-Петербургъ 10-го Октября 1888 г.

Типографія И. С. Леви и К°., Больш. Подъяч.д., 35.

